בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

כי תבא
ט"ז אלול תשפ"ג

גליון מס': מ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:28 |
| מוצש"ק | 7:40 |
| ר"ת | 8:20 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:40 | סוז"ת א' | 9:59 |
| סוזק"ש ב' | 9:24 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# די עצה פון די תוה"ק אויף עבודת השם

### א פרישקייט יעדן טאג

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר אין פסוק ווי הקב"ה באפעלט פאר יעדן איד 'היום הזה ד' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים'.

רש"י אויפן ארט איז מדייק די ווערטער 'היום הזה' און זאגט אז די תוה"ק רעדט צום איד און זאגט אים אָן אז די תורה הק' און די מצוות זאל זיין ביי אים יעדן טאג ווי א נייע זאך, ווי מען האט עס היינט געגעבן פאר א באפעל.

די ווערטער פון רש"י איז א שטארקער יסוד אין דער לעבן פון א מענטש און בעיקר אין די לעבן פון א איד און אין זיין עבודת השם. ווען מען וועט זיך מתבונן זיין אין אונזער לעבן וועט מען טרעפן אז איינס פון די שטערקסטע צוברענגער אז מיר זאלן נישט שפירן קיין טעם אין א מצוה, אין א דאווענען, אין א שטיקל גמרא, איז צוליב די געוואוינהייט.

דער רבוש"ע האט אריינגעלייגט אין דעם מענטש א נאטור אז ער האט ליב נייע זאכן, אז א פרישקייט פרישט אויף זיין זעהל, אבער א זאך וואס איז א חלק פון זיין סדר היום איז אים נישט אזוי מרגש, ער שפירט ווי עס טוט זיך פון זיך אליין, און ווייל די תוה"ק ווייסט דער סוד אז א מענטש האט ליב נייע זאכן געבט אים די תוה"ק די עצה אז ער זאל אנקוקן די מצוות און די תורה ווי א נייע זאך.

עס איז באקאנט די לאזונג וואס מען זאגט אין די וועלט אז א יונגער מענטש איז א ספק אויב ער גייט שטארבן אבער אן אלטער מענטש איז זיכער אז ער גייט שטארבן. לויט די לאזונג וואלט מען געדארפט זען אז יונגע מענטשן זאלן האבן ווייניג פרישקייט ביי א דאווענען און די עלטערע מער. דער יונגער קען זיך

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

### – ♦ וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ ♦ –

אין א שטעטל האט געוואוינט אן עושר, צו וועמען עס האט געהערט א גרויסער ווין פאבריק, פון וועלכע ער האט זייער שיין פארדינט. אמאל אין א חול-המועד טאג, איז דער רב פון שטעטל געקומען באזוכן דעם עושר, און זייענדיג שטארק באגייסטערט פונעם חשוב'ן באזוך, האט ער געהייסן זיין משרת אז ער זאל אראפגיין צום קעלער, און ארויפברענגען פונעם טייערן ווין וואס געפינט זיך אינעם אפגעהיטענעם פעסל וואס געפינט זיך דארט אין א זייט.

דער באדינער איז אראפגעגאנגען אין קעלער אזוי ווי דער בעל הבית האט אים געהייסן, אבער ווען דער עושר האט געזען אז עס נעמט זייער לאנג און דער באדינער קומט נישט צוריק, האט דער עושר נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, זיך אנטשולדיגט פארן רב און איז אליין אראפגעגאנגען אינעם קעלער צו זען וואס איז דארט געשען.

ווי נאר ער איז אריינגעגאנגען אינעם קעלער, האט ער געפילט א שטארקע שמעק פון ווין. ער גייט אריין, און ער זעט ווי אלע פעסער זענען אפן, ווען פון א טייל פון זיי גיסט זיך ווין אויפן ערד פונעם קעלער. נאך לאנגע זוכענישן האט ער געטראפן דעם משרת ליגן אויפן ערד, שיכור אינגאנצן.

דער בעל הבית איז צוגעגאנגען צום משרת, און אים געוואלט גוט אנזידלען אויף דער שרעקליכער זאך וואס ער האט געטון, אבער דא האט דער משרת אנגעהויבן שרייען: איך פארלאנג אז מען זאל העכערן מיין באלוינונג!

מיר שטייען אינעם חודש הרחמים והסליחות. יעדער איינער וואס האט שכל, איילט זיך צו תשובה טון בתשובה שלימה. עס זענען דא צוויי סארטן מענטשן וואס טוען תשובה. דער ערשטער סארט, זענען די וואס טוען תשובה און האבן חרטה אויף אלע שלעכטע זאכן וואס מען האט געטון, און פארשטייט זיך אז מען פארמערט מיט מצוות און מעשים טובים אין די ימי התשובה, כדי מען זאל זוכה זיין צו א גוטע לעבן, און מען זאל אים אנשרייבן א פעטן טשעק אויף אלעס וואס ער האט געבעטן ברוחניות ובגשמיות.

דער צווייטער סארט, טוט אויך תשובה און האט חרטה אויף זיינע זינד, און ער פארמערט מיט מצוות און מעשים טובים, אבער נישט כדי צו זוכה זיין צו א גוטע יאר, נאר צוליב זיין אמת'ע חרטה אויפן צער השכינה וואס ער האט גורם געווען דורך זיינע זינד, און צוליב זיין אמת'ן רצון צו דערנענטערט ווערן צום אויבערשטן.

אויב אונזער גאנצע תשובה וועט נאר זיין כדי צו זוכה זיין צו א גוטע יאר, זענען מיר געגליכן צו יענעם שיכור'ן באדינער, ווען במשך דעם גאנצן יאר טוען מיר צוברעכן און קאליע מאכן יעדער גוטער זאך, און צום סוף – אום ראש השנה – בעט מען אז מען זאל אונז העכערן דעם באלוינונג – מיט מער געזונט, מער פרנסה, מער גוטע לעבן.

אבער אויב מיר וועלן גוט מתבונן זיין אין די מצוה פון תשובה, וואס איר ציל איז אונז צו רייניגן פון אלע שמוץ וואס האט זיך אנגעקלעבט אין אונז, דעמאלטס וועלן מיר זוכה זיין זיך צו דערנענטערן צום אויבערשטן, און דורכדעם וועלן מיר פארשריבן ווערן אינעם ספר חיים טובים.

(עפ"י טיב המועדים – אלול)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מאכן א חשבון אז ער האט נאך די לעבן פאר זיך, און דער עלטערער וואס ווייסט אז זיין לעבן ענדיגט זיך שוין, וואלט זיך געדארפט מער צופלייסן, אבער למעשה זעט מען די פארקערטע.

ווען מען גייט אריין אין א שול זעט מען ווי די יונגע בחורים און יונגעלייט דאווענען מיטן גאנצן ברען און פייער, און דאגעגן די עלטערע זענען פארשלאפענער און פארלאשענער. אויבנאויף איז עס א ווואונדער, אבער ווען מען איז זיך מתבונן אין די דערמאנטע געדאנק פון 'הרגל' פארשטייט מען עס זייער גוט.

אינדערצייט ווען דער יונגער מענטש האט ווייניג הרגל און ווייניגער דאגות אויפן קאפ, האט דער עלטערער איד אנגעזאמלט א זאמלונג פון 'הרגל'. פון אזויפיל יארן דאווענען און טון זאכן 'מלומדה' ווערט ער ווי א ראבאט וואס טוט זאכן, אז עס האט נישט קיין חיות ווי א מאשין.

די זעלבע זאך איז מיט די טעג וואס מיר לעבן יעצט מיט. ביי אסאך אידן זעט מען ווי זיי האבן חיות דקדושה אין יעדע תפילה וואס זיי דאווענען, אבער ביי אנדערע זעט מען נאר די חיות אין די הייליגע טעג, ווייל דעמאלטס איז דא די פרישקייט, א נייע תפילה, א פרישע מצוה, א ווארעמע ניגון, און טאקע קעגן די ערשיינונגען רעדט די תוה"ק און געבט פארן איד די עצה אז ער זאל זיך מתבונן זיין אין די עבודה און טרעפן אין איר פרישקייט, התחדשות, ווייל דאס וועט אים ברענגען א חיות אין אידישקייט.

ווען מען פאלגט אויס די עצה און מען איז זיך מתבונן קומט מען אן זייער ווייט און זייער הויך, ווייל דאס איז די שליסל צו אלעס אין די וועלט.

איינס פון די זאכן וואס מען קען נוצן אלץ התבוננות פאר יעדע תפילה, איז די געדאנק וואס מען זאגט נאך בשמו פון דער הייליגער אר"י, אז פון בריאת העולם איז נאך קיין איין תפילה נישט געווען גלייך צו די אנדערע, ווייל יעדע תפילה האט זיך זיין תיקון, זיין אויפטו וואס נאר דער מענטש מיט די תפילה קען אויפטון און מתקן זיין.

די נקודה איז נישט נאר נוגע פאר תפלה, נאר אויך אויפן גאנצן סדר היום פון דער מענטש. אין די מענטשליכע אויגן זעט אויס יעדן טאג ווי 'נאך' א טאג, דער נעכטן און דער היינט איז די זעלבע. אויב ער איז היינט אין די נישט ריכטיגע גיסטע טראכט ער ביי זיך אז היינט איז שוין א פארפאלענער זאך.

אבער אויב דער איד וועט לעבן מיט דער געדאנק וואס די תוה"ק זאגט, בנוסף מיט די געדאנק וואס דער אר"י שמועסט אויס אז יעדן טאג איז א פרישער זאך, אז יעדן טאג האט זיך זיין תיקון, זיין עבודה, וועט ער אלעס מאכן מיט א פרישקייט, מיט א חיות, מיט א שמחה, ער וועט טראכטן צו זיך, וויאזוי קען איך זיין קאלט און גלייכטגילטיג צו די תפילה, עס איז דאך אן איינמאליגע זאך, איך מוז עס אויסנוצן, ווייל אט אט און עס גייט אריבער.

מען דערציילט אז א רבי האט אמאל געוואלט ממחיש זיין פאר זיינע תלמידים די נושא, האט ער זיי געזאגט אז ער האט אין זיין טאש א זאך וואס ווארט שוין אויף איר תיקון פון בריאת העולם, און נאר איר האט אין אייך די כח עס מתקן צו זיין.

"אבער וויסן זאלט איר", האט דער רבי אויסגעפירט.

"אויף אייערע פלייצעס ליגט אצינד א מורא'דיגע אחריות. איר קענט זיין די וואס זענען מתקן די זאך, אבער אויב איר זענט עס נישט ריכטיג מתקן טוט איר די פארקערטע, איר זענט עס מקלקל".

די תלמידים זענען געווארן זייער נייגעריג וואס דאס איז, און נאך א שטיק צייט פון ארומרעדן איבער די זאך, האט דער צדיק עס ארויסגענומען פון זעקל און געוויזן פאר זיי.

עס איז געווען אן עפל!

"איר זעט די עפל! ער ווארט שוין טויזנטער יארן אויף זיין תיקון. אז איר וועט מאכן אויף אים אן ערליכע ברכה וועט איר עס מתקן זיין, אז נישט וועט איר עס מקלקל זיין...".

די תלמידים האבן דערהערט דער געדאנק און זענען געווארן מער נזהר אין די ענינים, ווייל אז מען געדענקט אז דו ביסט עפעס מתקן און אז דער תיקון קענסט נאר דו מתקן זיין, האט מען מער אחריות אויף זיך.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו לעבן אונזער לעבן מיט א התחדשות, מיט א פרישקייט, מיט א שמחה, מיט א חיות און זוכה זיין צו פארשריבן ווערן בספרן של צדיקים גמורים אויף א גוט יאר.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## א שאירה עליונה

ווען איך בין געווען ערב יום כיפור ביים כותל המערבי און מתפלל געווען דארט, האט זיך געוואנדן צו מיר אן עלטערער איד מיט א שאלה.

"זאג מיר", האט ער געוואלט וויסן און פארשטיין.

"עס איז דא טויזנטער פעלקער איבער די וועלט, מיליאנען גוים, און פארוואס האט מען נאר אונז פיינט, וואו מיר גייען וויל מען אונז אויסמארדן און אויס'הרג'נען. וואס איז די סיבה"?

עס איז געווען קענטליך אויף דעם איד אז ער איז א מלחמה־איבערלעבער, און זיין שאלה ווערט געפרעגט מיט ווייטאג.

וואס זאל איך אים זאגן? צי זאל איך אים געבן צו פארשטיין מיט דער געדאנק פון שנאה? צי וועט ער עס פארשטיין. איך האב געבעטן דעם רבוש"ע אז ער זאל מיר חונן דעת און ארייננשיקן א גוטער ענטפער.

אזוי טראכטנדיג איז אריבער נעבן אונז א חשוב'ער מענטש, דער פארשוין האט א הויכער ראנג, און פון זיינע צוויי זייטן זענען געגאנגען וועכטער.

עס האט ביי מיר אויפגעבליצט אן ענטפער.

"זעסט דעם מענטש, ער איז ארומגענומען מיט גבאים, מיט וועכטער, ווייסט פארוואס עס איז אזוי? ווייל ער איז א חשוב'ער מענטש! מיר זענען די זעלבע, ווייל מיר זענען חשוב'ער פון אלע אנדערע פעלקער אויף די וועלט, וויל מען אונז טשעפענען און מיר דארפן האבן מער וואַך ווי נארמאל.

דער איד האט הנאה געהאט פון דעם געדאנק, און איך האב זיך געדאנקט דעם פון אויבן אז ער האט מיר אונטערגעשיקט א צופרידנשטעלנדע ענטפער אין די ריכטיגע מינוט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה מ.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## תפילות און בקשות אין די ימי הרחמים והרצון

**"וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ, וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קֹלֵנוּ, וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ, וְאֶת עֲמָלֵנוּ, וְאֶת לַחֲצֵנוּ"** כו, ז

די דרשה פונעם בעל ההגדה של פסח איז באוואוסט, אז "וְאֶת עֲמָלֵנוּ – אֵלּוּ הַבָּנִים", ווייל עס איז נישטא קיין זאך אויף וואס דער מענטש פלאגט זיך און מוטשעט זיך אין זיין לעבן, מער ווי מיט זיינע קינדער.

אבער פון די פאלגנדע מעשה וועלן מיר לערנען נאך א רמז אין די כוונה פונעם פסוק, ווייל די תורה הקדושה געבט אונז דא א געוואלדיגע גוטע און קלוגע עצה, וויאזוי מיר וועלן זיך קענען פארמעסטן מיט הצלחה מיט דעם "עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים".

ווי עס זעט אויס, איז אין אסאך פעלער די בעסטע עצה פארן חינוך פון די קינדער, אז מען זאל פשוט מקיים זיין בשעת מעשה דעם "וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ" – שרייען אמת'דיג מיט א הארציגע תפילה צום אויבערשטן, אז מען זאל האבן הצלחה מיטן מחנך זיין די קינדער און צושטעלן פאר זיי דאס בעסטע. און דעמאלטס וועט מיטן אויבערשטנ'ס הילף מקוים ווערן ביי אונז דאס וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק: "וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קֹלֵנוּ, וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וגו'".

דער חידוש פון די פאלגנדע מעשה איז, אז אמאל קען די תפילה אליין דינען אלס דער בעסטער שטעקן פארן קינד... און נישט נאר זיין ווי א 'זייטיגע' תפילה פון איינער וואס בעט הילף און סייעתא דשמיא אין די עבודה פון חינוך, נאר די תפילה אליין וועט מחנך זיין די קינדער. איבערהויפט ווען ממש בשעת מעשה, וועלן די קינדער אליין זען ווי מיר שרייען, און וועלן אין אכט נעמען אונזער פלאג און שווערקייט...

אזוי ווי די טייערע מאמע – אינעם וואונדערליכע און שטוינענדע מעשה וואס איר וועט יעצט ליינען מיטן אויבערשטנ'ס הילף – וועלכע האט גע'מוסר'ט איר זון מיט א וואונדערליכע פארציע מוסר, דורך... אירע טרערן ביי די שבת ליכט...

אבער לאמיר דערציילן די מעשה לויטן סדר.

און דערציילן וועלן מיר עס, לויט ווי מיר האבן עס געהערט פונעם מורינו ורבינו שליט"א, ביי איינע פון זיינע שמועסן.

->•<-

און אזוי האט מורינו ורבינו שליט"א דערציילט די מעשה, וואס איז פארגעקומען מיט אים אליין, ומעשה שהיה כך היה:

דאס איז געשען מיט א גוטע פאר יאר צוריק. איין טאג האב איך באקומען א דערשראקענעם טעלעפאן־רוף פון א חשוב'ע פרוי פון אמעריקע, וואס עס האבן זיך געמאכט שווערע פראבלעמען מיטן חינוך פון איר זון. עס האט זיך גערעדט פון אן ערוואקסענעם בחור, וואס יונגערהייט האב איך געהאט א שטיקל קשר מיט אים, אבער ווען דער בחור איז אונטערגעוואקסן איז דער מצב געווארן זייער פארוויקלט, און דער בחור איז ליידער שטארק געפאלן ברוחניות, ביז ער איז אנגעקומען צום אפגרונד, רחמנא ליצלן.

זיין מאמע איז, פארשטייט זיך, געווען זייער פארווייטאגט, און צושטורעמט ביז צו די טיפענישן פון איר זעל. זי האט נישט געוואוסט וויאזוי צו פארמעסטן מיט אזא שרעקליכע געשעעניש? וויאזוי זאל זי זיך באציען צו איר זון? וואס דארפן די עלטערן טון אין אזא שרעקליכער מצב?

די עלטערן זענען ממש צוריסן געווארן פון די פילע ספיקות וואס זענען געלעגן אויף זייער געוויסן. זאל מען לאזן דעם בחור אינדערהיים, און אים פראבירן צו מקרב זיין מיט דרכי נועם, און ליבשאפט? אדער איז בעסער צו גיין מיטן פארקערטן וועג, אים צו פארשיקן פון הויז בְּבֹשֶׁת פָּנִים, ביז ער וועט איינמאל פאר אלעמאל פארלאזן די נארישע הבלים פונעם יצר, וואס האבן זיך אזוי שטארק אנגעכאפט אין אים.

נאכדעם וואס איך האב ערנסט אויסגעהערט אלע איינצלהייטן (וואס ווי פארשטענדליך קען מען דא נישט מיטטיילן פארן ציבור), און וויבאלד איך האב געקענט דעם בחור פון פריער, האב איך געזאגט צו די חשוב'ע מאמע, אז לויט מיין מיינונג איז נישט געוואונטשן צו פארשיקן דעם קינד, אפילו אין אזא שרעקליכער צושטאנד.

ווילאנג דער בחור פון זיין זייט וויל בלייבן אינדערהיים, און ער האט ליב די משפחה, און ער האט הנאה פון די ווארימקייט און ליבשאפט וואס ער באקומט דארט. ווי אויך אז עס זענען דעמאלטס נישט געווען נאך קלענערע ברידער און שוועסטער אין הויז, וועלכע וואלטן חלילה געקענט ווערן אנגעשטעקט פון זיינע פארקרומטע וועגן – אויב אזוי איז נישטא קיין שום סיבה אים צו פארשיקן!

אויסערדעם, וואס עס האט בכלל נישט אויסגעזען אז אים צו פארשיקן וועט עפעס העלפן, נאכדעם וואס דער בחור האט שוין באשלאסן אז פאר יעדן פרייז וועט ערווידערשפעניגן אינעם וועג פון זיינע עלטערן, זאל זיין וואס זאל נאר זיין!

אויב אזוי, האט די מאמע געפרעגט מיט א וויינענדיג קול, וואס קען מען יא טון? איך וועל דאך בשום אופן נישט קענען בלייבן גלייכגילטיג, צוקוקנדיג ווי מיין בלוט און פלייש גליטשט גלייך צום שאול תחתית!!! און וואס איז מיט די מצוה פון תוכחה, און די מצוה פון חינוך הבנים וואס מיר זענען דאך מחויב אין דעם? – האט די פרוי געשריגן מיט א קול וואס איז פול מיט צער, עגמת נפש, און ביטערניש.

נאך אסאך טראכטן, און ארומנעמען דעם גאנצן בילד פון אלע זייטן, האב איך זיך אנגערופן צו די חשוב'ע מאמע: דערווייל וואלט די בעסטע זאך געווען,

אז דו זאלסט גארנישט רעדן מיט דיין זון! יעצט דארף מען מקיים זיין מיט אים דאס וואס חכמינו ז"ל זאגן (יבמות דף סה ע"ב): "כְּשֵׁם שֶׁמִּצְוָה עַל אָדָם לוֹמַר דָּבָר הַנִּשְׁמָע, כָּךְ מִצְוָה עַל אָדָם שֶׁלֹּא לוֹמַר דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע"... דעריבער איז יעצט דאס בעסטע, אז מען זאל גארנישט רעדן מיט בחור, נישט גוטס און נישט שלעכטס.

אבער דאס זאלסטו יא טון: נעם זיך אונטער אז דו וועסט צולייגן תוספת שבת קודש, און צינדן ליכט א האלבע שעה פריער ווי די אנגענומענע זמן פון הדלקת הנרות. נאכן צינדן, זאלסטו זיך שטעלן דאווענען צום אויבערשטן ביי די הייליגע ליכט, און זאלסט זיך בעטן מיט טרערן ביים מֶלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רַחֲמִים, אז ער זאל רחמנות האבן אויף די פארבלאנדזשעטע נשמה פון דעם זון, וועלכע איז פארכאפט געווארן דורך די כוחות פונעם סטרא אחרא, מעגליך וועט דער גרויסער באשעפער, הָרוֹצֶה בִּתְשׁוּבָה, צוריקבייגן זיין הארץ צום גוטן.

[געבנדיג די עצה, האב איך מיך אנגעהאנגען אינעם גרויסן בוים, דאס איז דער הייליגער מגן אברהם זצוקללה"ה, וועלכער פסק'נט אין שולחן ערוך אורח חיים (סימן רס"ג ס"ק יא) אז עס איז גוט אז די פרוי זאל מתפלל זיין בשעת'ן צינדן די ליכט, אז דער אויבערשטער זאל איר געבן זין וואס וועלן לייכטן אין די תורה (מטה משה בשם רבינו בחיי פרשת יתרו). און אזוי פירן זיך טאקע ערליכע אידישע טעכטער שוין לאנגע דורות, אויסצוגיסן זייער הארץ פאר די הייליגע שכינה נאכן צינדן די שבת ליכט, אז די קינדער זאל האבן הצלחה אין אלע ענינים, אזוי ווי עס איז באקאנט פאר אלע. נישט דא איז דאס ארט צו מאריך אין דאס גרויסקייט פון אט דעם וואונדערליכן עת רצון, און בפרט אין די הייליגע טעג וואס קומען צו גיין עָלֵינוּ לְטוֹבָה].

און איך האב אויסגעפירט צו די חשוב'ע מאמע, אז אויב איר זון וועט זען ווי זי בעט אזויפיל און זי וויינט, און ער וועט איר פרעגן וואס דאס מיינט, און פארוואס זי וויינט אזויפיל? זאל זי אים גארנישט ענטפערן און גארנישט ערקלערן, נאר זי זאל אים זאגן "דו פארשטייסט אליין"...

די געטרייע מאמע האט אנגענומען מיינע ווערטער, און זי האט זיך געגרייט אלעס אויסצופירן פונקטליך. דורך די גאנצע וואך האט זי גארנישט גערעדט מיט איר זון. זי האט אים דערלאנגט זיינע מאלצייטן לויט זיין געשמאק, זי האט אויסגעוואשן זיינע קליידער, מסדר געווען און גערייניגט זיין צימער, אלעס אזוי ווי נארמאל...

אבער ווען עס איז געקומען ערב שבת קודש, האט די מאמע געבעטן שוין פון אינדערפרי, אז מען זאל ענדיגן פריער אלע הכנות צום הייליגן שבת, וויבאלד זי וויל צינדן די ליכט פריער. און ווירקליך, א האלבע שעה פארן 'זמן' האט זי אנגעצינדן די ליכט בדחילו ורחימו, ווען איר הארץ שטורעמט און קאכט מיט א הייליגן פלאם.

און דעמאלטס... פלוצלונג האט זי אויסגעבראכן מיט א שרעקליכן געוויין, און זי האט גענומען וויינען מיט הארצרייסנדע בכיות! אלס וואס איז איר שוין אזוי לאנג געלעגן אויפן הארץ – די ווארימע הארץ פון א מאמע, האט אויפאמאל אויסגעפלאצט מיט בכיות ותחנונים פארן כסא הכבוד, מיט א שטראם

המשך אין עמוד ד' >|

פון טרערן! איר געוויין האט גורם געווען א שטארקע צוטרייסלניש אויבן און אונטן!

א האלבע שעה ארום, ווען זי האט געענדיגט זאגן אירע תפילות, און איר געוויין האט זיך איינגעשטילט, האט זי שטילערהייט אפגעווישט אירע טרערן, און האט זיך גענומען אנגרייטן עטליכע זאכן וואס האבן נאך געפעלט פארן שבת טיש.

נאר עטליכע מינוט זענען דורכגעגאנגען, און דא קומט צו גיין איר גרויסער בחור (וועלכער איז ליידער נישט געגאנגען אין שול... נאר איז געבליבן אין זיין צימער, פארנומען מיט זיינע זאכן), און ער פרעגט איר מיט זארג: מאמע לעבן! פארוואס האסטו אזוי געוויינט ביי ליכט צינדן? וואס איז געשען?

די מאמע האט מיט חכמה זיך ארויסגעדרייט פון די פראגע, אזוי ווי איך האב איר אנגעזאגט, און זי האט אים שנעל אפגעענטפערט, צוריקגייענדיג צו אירע באשעפטיגונגען: דו פארשטייסט אליין! און זי האט אפגעלאזט דעם נושא.

דאס שרעקליכע געוויין האט זייער שטארק באנומען דעם בחור, אבער זיין שטארקער יצר הרע האט נישט אזוי שנעל מוותר געווען... דער מלך זקן וכסיל האט נישט געלאזט פאר א געוויין פון א האלבע שעה אים צו צוברעכן א שווערע ארבעט פון יארן לאנג... און דער בחור האט געטראכט צו זיך: מען קען פארשטיין די מאמע'ס התרגשות... עס וועט זיכער אריבערגיין... זי וועט זיך אויסלערנען צו מאכן שלום מיטן מצב, און זי וועט פארשטיין אז דאס איז איר זון, און דאס איז זיין החלטה... מען קען שוין נישט צוריקדרייען דעם רעדל...

אבער צום וואונדער פונעם בחור, האט זיך דער וואונדערליכער מעמד איבערגע'חזר'ט וואך ביי וואך. דורכאויס דעם גאנצן וואך האבן די עלטערן גארנישט גערעדט מיטן קינד, מִטּוֹב וְעַד רָע, וועגן זיין רוחניות. ער האט זיך שוין אנגעהויבן פרייען אז ענדליך האבן זיי שוין שלום געמאכט מיטן מצב, און יעצט קען ער רואיג גיין זיין פינסטערן וועג... און אויך בלייבן ביי זיי אינדערהיים. – ער האט זייער שטארק מורא געהאט אז מען וועט אים ארויסווארפן פון הויז, און ער האט נישט געוואלט פארלירן זיין ווארימע ווינקל, וואו ער האט באקומען פונעם שענסטן און בעסטן אזוי ווי א פרינץ.

אבער ווען עס איז געקומען ערב שבת קודש, האט די מאמע ווייטער אנגעצינדן די ליכט א האלבע שעה פריער, און נאכאמאל געוויינט און געוויינט מיט א הארצרייסנדע געוויין, אויסגיסנדיג איר הארץ פארן אויבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף די נשמה פון איר זון.




אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט א וואך נאך א וואך, און די מאמע האט בשום אופן נישט מסכים געווען צו רעדן מיט אים דערוועגן, נאר זי האט אים פשוט געזאגט: דו פארשטייסט שוין אליין...

אזוי האט זיך דער בחור געפינען, ווי ער ווערט צוריסן צווישן די וואכנטעג, מיטן הייליגן טאג פון שבת קודש. – פון איין זייט איז אים געווען זייער רואיג אין די וואכנטעג, אלע לאנגע ויכוחים האבן נאכגעלאזט, פלוצלונג האבן זיך אויפגעהערט אלע מוסר-שמועסן, אלע פארשעמונגען, דרוקענישן און סטראשונגען. עס האט שוין כמעט אנגעהויבן צו אויסזען אז מען האט אנגענומען זיין אויסוואל, און יעדער איז מסכים מיט זיין נייע וועג.

אבער דא איז געקומען צו גיין שבת קודש, און ווען די מאמע האט געצינדן די הייליגע שבת ליכט, איז אים פלוצלונג קלאר געווארן אז דאס איז בכלל נישט אזוי פשוט... נאר די גאנצע וואך שווייגט מען און מען שלינגט עס אראפ... אבער אינעווייניג אין הארץ, איז דאס בילד אינגאנצן אנדערש...

אזוי איז דורכגעגאנגען א תקופה פון עטליכע וואכן, און דא קלינגט מיר די מאמע נאכאמאל, דאסמאל מיט א געוואלדיגע שמחה, אינגאנצן ערשטוינט און באגייסטערט האט זי דערציילט אז דער גרויסער נס איז טאקע געשען, און ביי איר זון אין הארץ איז געשען דאס געוואונטשענע מהפיכה. ער האט פשוט נישט געקענט שטיין אנטקעגן די שרעקליכע בכיות, און ער האט אנערקענט ווי שטארק זיין שלעכטע וועג טוט וויי, און איין טאג האט ער באשלאסן אז ער טוישט זיין אויסוואל, און ער קלויבט אויס דעם גוטן וועג!

ער האט אנגעהויבן היטן דעם הייליגן שבת, און באשטימען צייטן צום לערנען תורה, און מיט גרויס התלהבות און א שטארקן רצון האט ער זיך צוריקגעקערט צו זיין הייליגן אפשטאם, ביז ער פארוואנדלט געווארן אין א בחור א ירא שמים און א תלמיד חכם!!!

לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפָּר!

->•<-

זעען מיר פון אט די וואונדערליכע און שטוינענדע מעשה, א געוואלדיגע און קלוגע סגולה, וואס קען אסאך העלפן מיטן מחנך זיין די קינדער. פשוט נוצן דאס מתפלל זיין אויף חינוך הבנים – אלס א וועג פון מוסר'ן און באשטראפן! "וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וגו'", אויסער די סגולה און וואונדערליכער כח פון בעטן דעם אויבערשטן, ווען דאס קינד זעט ווי זיינע עלטערן זענען מתפלל און בעטן זיך וועגן אים, פארשטייט ער ווי שטארק עס גייט זיי אָן אז ער זאל גוט ערצויגן ווערן, און ער טוישט זיין וועג צום גוטן.

עלטערן מעגן מתפלל זיין אינדערהיים, אזוי סתם אינמיטן טאג, ווען עס מאכט זיך א שוועריגקייט מיט חינוך הילדים, אדער ווען מען ווייסט נישט פונקטליך וואס אדער וויאזוי צו טון. נעמט דעם ספר תהלים אין האנט, אזוי פאר די אויגן פון די קינדער, און זאגט עטליכע קאפיטלעך, אז דער אויבערשטער זאל געבן דעם דעת און חכמה וויאזוי און וואס צו טון.

פארקערט! זאלן די קינדער זען און פרעגן: וואס איז יעצט? א 'חברת תהלים'? זאלסטו זיי ענטפערן: איך בעט דעם אויבערשטן אז ער זאל מיר העלפן אייך צו מחנך זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין! איך זע ווי איר קריגט זיך און איר געבט זיך נישט קיין עצה... עס איז דא א באלאגאן אין הויז, און קיינער וויל מיר נישט העלפן, יעדער איז פארנומען מיט די אייגענע זאכן... בעט איך דעם אויבערשטן, אז ער זאל אריינגעבן אין אייערע הערצער, א ווילן צו העלפן אין הויז, און צו מכבד זיין די עלטערן און אויך די ברידער און שוועסטער! און גיין אויפן גוטן און גלייכן וועג. – דאס איז א פשוט'ע און וואונדערליכע עצה!

[אזוי אויך איז די עצה זייער פאסיג פאר א מלמד אין חדר. – ווען אבי מורי זצ"ל איז געווען א מלמד, האט ער זיך געפירט, אז ביי די הפסקה, ווען אלע מלמדים זענען געגאנגען זיך אביסל אפרוען, איז ער געזעצן אין כתה מיטן תהלים אין האנט, בעטנדיג דעם אויבערשטן פאר די הצלחה פון די תלמידים].

[מתוך ספר טיב השידוכין מהדו"ד שער הבית פ"ו אות ג - על פי שיחה (קובץ "כלליות") בירושלים ת"ו, נר ד' דחנוכה תשס"ב לפ"ק]

# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173